# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת — גליון קע"ו – בהר תשע"א לפ"ק — כיתה ח' ט'



תתתתפג) עס דערציילט אונזער באבע תחי' אשת

## הרה"ח ר' שמואל מרדכי הכהן דרעזדנער הי"ו

זיין טאטע הרה"ח ר' אברהם הכהן דרעזדנער ע"ה איז געווען דריי יאר הויז בחור ביי הרה"ק ר' **שלום אליעזר** זי"ע פון ראצפערט. ער פלעגט דערציילן אז ווען מ'פלעגט איהם אויסרופן עולה זיין לתורה "מורה מורינו רבי שלום אליעזר בן מורה מורינו רבי הרב ר' חיים", האבן די ווענט געציטערט פאר פחד דערמאנענדיג דעם הייליגן דברי חיים זי"ע.

איינמאל האט רבי שלום אליעזר'ל זי"ע ערגעץ געדארפט פארן, און ער האט נישט געהאט קיין פאספארט, און ער האט נישט געקענט מיטפארן, איז ער געגאנגען זאגן פאר רבי שלום אליעזר'ל אז ער האט נישט קיין פאספארט און ער קען נישט מיטפארן.

האט אים רבי שלום אליעזר'ל געזאגט אז ווען מ'וועט קומען צום גרעניץ זאל ער זאגן אז ער איז זיין זון און עס וועט זיין גוט. האט דער זיידע געפרעגט "זיי וועלן דאך נישט גלייבן, דער רבי איז דאך א אלטער איד און איך בין א בחור'ל", האט ער געזאגט "זארג זיך נישט, קום מיט מיין פאס". וכך הוה, אנקומענדיג צום גרעניץ וואו יעדער האט געדארפט ווייזן דעם פאספארט האט ער געזאגט אז ער איז א זון פון רבי שלום אליעזר'ל, און מען האט אים אריבערגעלאזט אן קיין פאס.

ער האט באקומען דריי הבטחות פון רבי שלום אליעזר זי"ע אז ער וועט האבן אריכות ימים, און איבערלעבן די קריג, און עס וועט אים קיינמאל נישט פעלן קיין געלט פון שופלאד. אלע דריי הבטחות איז מקוים געווארן ווען ער האט טאקע איבערגעלעבט די צרות, און ער איז אנגעקומען קיין אמעריקע און אויפגעשטעלט א שיין דור, און נפטר געווארן ביי די 84 יאר. (אברהם הכהן דרעזדנער, חיים הכהן דרעזדנער).

תתתתפד) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' שמואל חיים ליפשיץ הי"ו

ווען דער פאפא'ער רב זצ"ל **בעל ויחי יוסף** האט האט מייסד געווען די פאפא ביהמ"ד אין בארא פארק, איז דער פאפער רב געקומען צו פארן צו א מסיבת לחיים וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין דעם נייעם ביהמ"ד.

דער פאפער רב האט דעמאלטס גערעדט דברי חיזוק פארן עולם, און בתוך הדברים האט ער נאכגעזאגט אז ווען מ'איז געקומען זאגן פארן סאטמארער רבי'ן זי"ע **בעל דברי יואל** אז מ'האט געבויעט א הייוועי צווישן וויליאמסבורג און בארא פארק (די בי. קיו. אי. עקספרעס וועי) און דער וועג קיין בארא פארק נעמט נאר אכצן מינוט, האט זיך דער רבי אנגערופן "אכצן מינוט איז פונקט א שיעור חימוץ"... (מייענדיג צו זאגן אז א איד פון וויליאמסבורג וואס ציעהט זיך קיין בארא פארק קען נתחמץ ווערן. אין יענע יארן ווען אין בארא פארק האבן געוואוינט ווייניג חסיד'ישע אידן האט דער רבי נישט אזוי געהאלטן פון זיך דארט באזעצן).

האט דער פאפער רב אויסגעפירט "עס איז דאך שוין אריבער פון דעמאלטס א היבשע פאר יאר, און בארא פארק זעהט שוין אויס שענער ווי אמאל, קען מען צולייגן אז א טייג ווערט נאר חמץ אויב מ'איז זיך נישט מתעסק דערמיט, אבער אז מ'איז זיך כסדר מתעסק מיט דעם ווערט עס נישט חמץ, די זעלבע אויב מ'איז עוסק בתורה ובמצוות ווערט מען נישט נתחמץ אין בארא פארק אויך נישט... און ער האט דערביי מאריך געווען מיט שיינע דברי מוסר והתעוררות. (יואל גאלדבערגער, יושע גאלדבערגער, יעקב גאלדבערגער, בנימין הילל מענדלאוויטש, יצחק מענדלאוויטש, יצחק ליפשיץ, יוסף ליפשיץ)

תתתתפה) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע

## הרה"ח רבי יקותיאל הערש הלוי ווערצבערגער ז"ל הכ"מ

בשנת ת"ש לפ"ק איז נפטר געווארן הגה"ק רבי ישראל פריינד זצ"ל דער הוניאדער רב אין די שטאט קלויזנבורג. איך האב דעמאלטס געוואוינט אין קלויזנבורג און איך האב זוכה געווען צו זיין ביי יציאת נשמה.

האב איך געזעהן ווי בשעת יציאת נשמה האט זיך דער הוניאדער רב אונטערגעזינגען א ניגון, און איך בין זייער נתפעל געווארן דערפון, האב איך זיך דעמאלטס דערמאנט אז דער הוניאדער רב האט אמאל געזאגט אז צדיקים זענען מתפלל אויף קינדער וואס הייסן נאך זיי אז זיי זאלן זיין תלמידי חכמים. ווי מ'זעהט אז אלע קינדער וואס הייסן נאך מיין טאטן אברהם יושע (הגה"ק מנאסאד זצוק"ל) זענען אויסגעוואקסן ערליכע אידן.

האב איך געטראכט אז דער הוניאדער רב איז אוודאי יעצט מתפלל לטובת די קינדער וואס וועלן הייסן נאך אים. און איך האב זיך פארגענומען אז איך וועל געבן א נאמען פאר איינע פון מיינע קינדער נאכן הוניאדער רב.

נאך די מלחמה ווען איך האב אויפגעשטעלט מיין צווייטע שטוב, און עס איז מיר געבוירן געווארן איינע פון די קינדער האב איך זיך דערמאנט מיין קבלה, און כאטש ווען יעדעס קינד איז געבוירן געווארן בין איך אריין צום רבי'ן מרן הדברי יואל זי"ע פרעגן איבערן נאמען, נאר אזוי ווי דער רבי איז דעמאלטס נישט געווען אינדערהיים האב איך געגעבן א נאמען "ישראל בנציון".

ווען דער רבי איז אהיימגעקומען בין איך אריין מיט א קוויטל און ווען דער רבי איז אנגעקומען צו דעם נאמען האט ער זיך אנגערופן "אוודאי, ישראל נאכן הוניאדער רב"... (משה זאב הלוי ווערצבערגער, אברהם גרינפעלד, יוסף ארי' ווערצבערגער, חיים מרדכי ווערצבערגער)

תתתתפו) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' נח גפן שליט"א שו"ב

מיט יארן צוריק איז געווען א פרוי וואס זי איז ל"ע נישט געזונט געווארן, און מען איז געגאנגען צו דאקטוירים דאהי אין ניו יארק, און אלע האבן געזאגט אז זי האט זייער א שטארקע מחלה וואס מען קען נישט אויסהיילן נאר מיט אן אפעראציע.

איר מאן איז אריבער צום רבי'ן **בעל דברי יואל** זי"ע, און אים געפרעגט דעת קדשו צי מ'זאל אפערירן, האט אים די רבי זי"ע געענטפערט אז ער זאל פארן קיין ראטשעסטער און גיין דארט צו א דאקטער.

נאר היות עס איז געווען שווער צו צוקומען צו א גוטן דאקטער אין ראטשעסטער, בפרט פאר איינעם וואס האט נישט דארט געוואוינט. האט אים דער רבי מייעץ געווען אז ער זאל זיך ווענדן צו הגה"צ מהעלמעץ זצ"ל וועלכער האט דארט געהאט פארבינדונגען, און דער העלמעצער רבי זצ"ל האט אים טאקע ארויסגעהאלפן צו קענען צוקומען צו א גוטן דאקטער, א איד.

דער דאקטער האט אונטערזוכט די פרוי און ער האט אויך געזאגט אז עס איז נישט דא קיין אנדער עצה נאר אן אן אפעראציע.

ווען דער איד האט מודיע געווען פארן רבי'ן וואס דער דאקטער זאגט, און אז ער האט חשק צו מאכן די אפעראציע אין ניו יארק, האט דער רבי באפוילן אז ער זאל דארט בלייבן, און לאזן דורכפירן די אפעראציע ביי דעם דארטיגן דאקטער. אפילו מ'האט נישט פארשטאנען דעם רבי'נס כוונה, האט מען ווי פארשטענדליך געפאלגט זיינע הייליגע ווערטער.

נאך די אפעראציע קומט דער דאקטער ארויס, און ער זאגט אז עס איז ב"ה געלונגען, און ער דרוקט זיך אויס: "זי וועט זיין געזונט, און מער קיינמאל נישט קראנק זיין אויף די מחלה".

דער איד איז געווארן זייער פארוואונדערט פון וואו קען א דאקטער זאגן מיט אזא זיכערקייט אז זי וועט מער קיינמאל נישט קראנק ווערן אויף די מחלה, פרעגט ער דעם דאקטער "דו ביסט א נביא?! דו ווייסט אז זי גייט מער נישט קראנק ווערן אויף די מחלה אז דו זאגסט דאס מיט אזא זיכערקייט?!".

ענטפערט אים דער דאקטער "יא! איך ווייס, און איך וועל דיר דערציילן פון וואו איך ווייס".

און דער דאקטער דערציילט אים אז ווען ער איז געווען א קליין בחור'ל, האט ער געוואוינט אין א שטעטל אין רוסלאנד, און איינמאל האב איך געהערט אז דער

**הייליגער טאלנער צדיק** (הרה"ק ר' דוד'ל טאלנער זצ"ל – זיין יארצייט געפאלט אויס דעם שבת י' אייר) קומט אויף שבת צו אונזער דארף.

דער טאלנער רבי האט געהאט א מנהג אז ער איז נישט איינגעשטאנען אין א הויז וואו עס האט זיך געפונען א פרוי, האט מען געזוכט אן אכסניא וואו דער צדיק קען איינשטיין, מען האט געטראפן א קליין הויז וואו עס האט געוואוינט אן אלמנה, און מען האט איר געפרעגט צי זי איז מסכים צו גיין אויף שבת צו א שכן, און איבערגעבן דאס הויז פאר'ן רבי'ן, פארשטייט זיך אז זי האט גראד מסכים געווען, און מען האט צוגערישט דאס הויז פאר'ן רבי'ן.

דערציילט דער דאקטער: "איך האב מיך געפארעט פאר'ן שבת, קודם האט מען מסדר געווען א שטוב וואו מ'זאל קענען דאווענען שבת, און אזוי ווי מען האט געדארפט האבן א ספר תורה צו ליינען שבת, האב איך זיך דערמאנט אז עס איז דא א איד וואס פלעגט ברענגן שמחת תורה א קליין ספר תורה צו טאנצן די הקפות, בין איך אריבער צו דעם איד און איך האב אים געפרעגט צי ער איז מסכים צו בארגן זיין ספר תורה פאר שבת צו קענען ליינען, אזוי האב איך מסדר געווען דעם גאנצן שבת".

"נאך שבת בין איך דארט געווען ווען די אלמנה האט געוואלט אריינגיין נעמען א ברכה פונעם צדיק איידער ער איז אוועק געפארן, האב איך געזעהן ווי די פרוי איז אריינגעקומען און געזאגט: "דער רבי זאל מיך בענטשן", האט די רבי אויפגעהויבן זיינע הענט און געזאגט אז "זי זאל זיין געבענטשט".

זעהט אויס אז די פרוי איז געקומען פון אן עם הארץ'ישע שטוב און זי איז נישט געווען צוגעוואוינט צו אזא בענטשן, זאגט זי "רבי נישט אזוי בענטשט מען, מיט די הענט אין די הייעך", זי האט געוואלט אז דער רבי זאל ארויפלייגן די הענט אויף איר קאפ.

פרעגט איר דער צדיק "איר בענטשט ליכט יעדן פרייטאג צונאכטס?", זאגט זי יא אוודאי! פרעגט ער איר ווייטער "איר לייגט ארויף די הענט אויף די ליכט?" זאגט זי ניין! פרעגט ער איר פארוואס לייגט איר נישט ארויף די הענט אויף די ליכט ווען מען בענטשט? זאגט זי "מען קען זיך אפבריען" רופט זיך אן דער צדיק "צוליב די זעלבע סיבה לייג איך אויך נישט ארויף די הענט אויף א פרוי ווייל מען קען זיך אפבריען..."

דערציילט ווייטער דער דאקטער "אזוי ווי די פרוי איז ארויס בין איך אריין נעמען א ברכה, רופט זיך אן ר' דוד'ל פאר מיר "דו וועסט זיין א פראפעסאר און וועמען דו וועסט היילן וועט מער קיינמאל נישט צוריק קראנק ווערן אויף די מחלה!".

זאגט דער דאקטער פון דארט ווייס איך אז די פרוי וועט שוין מער קיינמאל נישט קראנק זיין אויף די מחלה, ווייל איך האב באקומען אזא ברכה פון רבי דוד'ל טאלנער זי"ע.

דער איד האט שוין מער נישט געהאט קיין קשיות פארוואס דער רבי זי"ע האט געוואלט אז מען זאל איר אפערירן דווקא אין ראטשעסטער...

די פרוי איז טאקע געזונט געווארן און זי האט נאך געלעבט נאך די מעשה אסאך יארן, זי"ע. (מרדכי יצחק גפן, משה הכהן שעהנברון, דוב אלטר ברוך גפן, אברהם הערש גפן, משה גפן, יואל יושע גפן, יואל יושע פעלבערבוים, משה קטינא)

---

תתתתפז) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' משה פאגעל הי"ו

איידער דער **רבי בעל דברי יואל** זי"ע האט ארויסגעגעבן דעם ספר על הגאולה ועל התמורה האט אים דער **וואוידיסלאווער רב זצ"ל** געפרעגט פארוואס עס פעלט זיך אויס ארויסצוגעבן נאך א ספר, דער רבי האט דאך שוין ארויסגעגעבן דעם ספה"ק ויואל משה?

האט אים דער רבי געענטפערט "דער בריסקער רב ז"ל און דער חזון איש ז"ל זענען געווען שארפער קעגן ציונית ווי איך, פונדעסטוועגן זאגט מען און מ'שרייבט בשמם דאס פארקערטע פון דאס וואס זיי האבן באמת געהאלטן איבער אלע ענינים פון ציונית און די מדינה, פארוואס? ווייל זיי האבן נישט אפגעשריבן די ענינים קלאר אין א ספר, אויב וויל איך אז מ'זאל נישט קענען מסלף זיין מיינע ווערטער און מיין שיטה דארף דאס ווערן אראפ געשריבן למשמרת לדורות".

עס האט מיר דערציילט הרה"ג ר' יצחק מאנדעל שליט"א אז איידער דער רבי האט ארויסגעגעבן דעם ויואל משה האט ער געוואלט נעמען א בריוו פונעם בריסקער רב ז"ל אויפן ספר.

נאך די פטירה פונעם **בריסקער רב** ז"ל איז ארויסגעקומען א בריוו וואס די אגודה האט מפרסם געווען וואס דארט איז געשטאנען אז ער האלט אז מען דארף גיין צו די בחירות, און זיי האבן געזאגט אז דער בריסקער רב האט דאס געשריבן פאר זיין הסתלקות, און ער האט געטוישט זיין מיינונג וואס ער האט געהאלטן אלע יארן פריער.

למעשה איז שפעטער נתברר געווארן אז דאס איז געווען שקר, ווייל דאס איז געווען א בריוו וואס דער בריסקער רב האט געשריבן מיט אסאך יארן פריער ווען עס האט זיך געהאנדלט אין וואלן אין די שטאט בריסק פאר די מלחמה, און האט גארנישט געהאט קיין שייכות מיט די בחירות צום כנסת המינים אין ארץ ישראל.

האט זיך דעמאלטס דער רבי אנגערופן "א שאד, ווען איך האב ווען פון איהם א בריוו פארן ויואל משה וואלטן זיי נישט געקענט פעלשן זיין דעת תורה". (יעקב זילבערשטיין, שמעי' ברוך גאלד)

---

תתתתפח) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' אברהם ביקעל הי"ו

זיין טאטע הרה"ח ר' יוסף אלי' ע"ה פלעגט קומען צו פארן פון ארץ ישראל צום רבי'ן מרן הדברי יואל זי"ע יעדעס יאר אויף די הייליגע טעג, און די באבע ע"ה (נפטרה ט' אדר תשע"א) פלעגט בלייבן אינדערהיים מיט די קליינע קינדער, און זי האט דאס געהאלטן פאר א זכי' אז איר מאן קען זיין די הייליגע זמנים ביים רבי'ן זי"ע.

איין יאר ווען דער זיידע איז געווען אויפן וועג צום רבי'ן ז"ל, אינמיטן וועג האט דער פילאט אויסגערופן מיט שרעק אז ער האט פראבלעמען מיטן פליגער, און מען דארף זיין גערישט אויפן ארגסטן ר"ל. עס איז איבריג צו זאגן אז עס האט אויסגעבראכן א פאניק אויפן פליגער און מענטשן זענען אריינגעפאלן אין יאוש.

אינמיטן שטעלט זיך אויף דער זיידע ע"ה און ער רופט אויס הויך: "גלייבט אז איך פאר צו א צדיק, און עס קען גארנישט געשעהן".

עס זענען געווען מענטשן וואס האבן אנגענומען זיינע ווערטער און אביסל בארוהיגט, און ב"ה מ'איז אנגעקומען קיין ניו יארק לחיים ולשלום מיטן כח פון בטחון און אמונת צדיקים. (יוסף אלי' ברי"י ביקעל, יוסף אלי' בר"י ביקעל, יוסף אלי' סאמעט, יעקב יושע ביקעל, משה בערגער, משה ביקעל)

---

תתתתפט) עס דערציילט אונזער עלטער באבע תחי' אשת

## הרה"ח ר' אליקים צבי האללענדער ע"ה

ווען זי איז געווען א קליין קינד פון צוויי יאר איז איר מאמע ע"ה נפטר געווארן, און איר טאטע הרה"ח ר' מרדכי פריעדמאן ע"ה שו"ב האט איר געדארפט אויפציעהן מיט נאך א קליינע שוועסטער. עס איז אים זייער שווער אנגעקומען צו קענען ערציעהן די קינדער אן קיין פרוי, האט אים זיין שווער הרה"ג ר' אברהם דוד לאקס ז"ל אנגעטראגן אז ער זאל נאכאמאל חתונה האבן מיט זיין אנדערע טאכטער, און זי וועט זיך געטריי אפגעבן מיט די קינדער.

האט רבי מרדכי געזאגט אז ער וועט אנפרעגן ביי **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** זיין חוו"ד. ער איז געפארן צום רבי'ן, און דער רבי האט אים געזאגט אז ער זאל נישט טון דעם שידוך. ווען ער איז אהיים געקומען און דאס איבער געזאגט פאר זיין שווער, האט זיין שווער גע'טענה'עט אז ער איז געווען ביים רבי'ן אין חודש אלול ווען דער רבי איז זייער אנגעצויגן מאימת הדין, און עס קומט א ריזיגער ציבור זיך געזעגענען, ממילא קען זיין אז דער רבי האט נישט געהעריג פארשטאנען וואס ער פרעגט, און ער האט אים געמוטשעט אז ער זאל נאכאמאל פארן צום רבי'ן פרעגן.

ווען ער איז נאכאמאל געקומען צום רבי'ן האט ער דערציילט די גאנצע מעשה פארן משב"ק הרה"ח ר' פייוויש אשכנזי ע"ה, און ער האט אים געזאגט אז ער שעמט זיך צו גיין איבערפרעגן דעם רבי'ן, נאכדעם וואס דער רבי האט אים שוין קלאר געזאגט אז ער זאל נישט טון דעם שידוך. האט אים ר' פייוויש געזאגט אז ער וועט אריינגיין צוזאמען מיט אים צום רבי'ן. ווי נאר זיי גייען אריין רופט זיך דער רבי אן "איך האב אים דאך שוין געזאגט".

ווען ער איז אנגעקומען אהיים און איבערגעזאגט פאר זיין שווער אז דער רבי איז נישט מסכים. האט אים דער שווער געזאגט "דעמאלטס וועל איך מוזן אליינס פארן צום רבי'ן".

ווען ר' אברהם דוד איז אנגעקומען צום רבי'ן איז ער אריין בקודש פנימה, און פלוצלונג האט ער פארגעסן וואס ער האט געוואלט זאגן פארן רבי'ן, דער רבי האט אנגעהויבן צו רעדן מיט אים אין לערנען, און צוויי שעה האט ער זיך מפלפל געווען מיטן רבי'ן אין לערנען, און ער איז ארויסגעגאנגען פון רבי'נס צימער אנדעם וואס ער האט בכלל גערעדט פון דעם ענין.

הערשט שפעטער האט ער זיך דערמאנט אז ער האט נישט גערעדט צום רבי'ן פונעם עיקר ענין אויף וואס ער איז געקומען. האט ער פארשטאנען אז דער רבי האט מרגיש געווען פארוואס ער קומט, און דער רבי וויל טאקע נישט דעם שידוך.

דער זיידע האט חתונה געהאט מיט א צווייטע פרוי, און זוכה געווען צו אריכות ימים, און ער איז נפטר געווארן ביי די 98 יאר איבערלאזנדיג שיינע ערליכע אידישע דורות. (יעקב אליעזר פארגעס, געציל פארגעס)